**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט שליסונג פון פערטע קאנסטרוקציע קאנטראקט פאר טראנספארמאטיווע I-81 ווייעדאָקט בריק פראיעקט אין סיטי אָוו סירעקיוּס**

***קאנסטרוקציע הויבט זיך אן אויף 'קאמיוניטי גריד', פארלייכטערנדיג אנגעלייגטקייט אויפן וועג צו די שטאט'ס שפיטעלער, באשעפטיגונג צענטערן און בילדונג מוסדות***

***גרויסארטיגע מאדערניזירונגען הויבן זיך אן אויף שטאט און קאונטי'ס וואסער אפלויף סיסטעם, פארבעסערנדיג וואסער קוואליטעט און באשיצנדיג אָנאָנדאַגא לעיק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די שליסונג פון די פערטע קאנסטרוקציע קאנטראקט פאר דעם טראנספארמאטיוון אינטערסטעיט 81 ווייעדאָקט בריק פראיעקט. די שליסונג פון די 313.5 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט מיט CNY Alliance וועט פירן צו די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף די נייע 'קאמיוניטי גריד' געסער אויסשטעלונג לענגאויס די געסער אין סירעקיוּס'ס איסטסייד געגנט אין די געווענזענע 15'טע ווארד געגנט. די קאמיוניטי גריד וועט ערזעצן די הויכע הייוועי אין סירעקיוּס'ס שטאט צענטער, און עס וועט פארלייכטערן עקזיסטירנדע אנגעלייגטע טראפיק שוועריגקייטן אין די שטאט, בשעת'ן פארבעסערן צוטריט פון און צו די אינטערסטעיט הייוועי נעטווארק און הויפט דעסטינאציעס, אריינרעכנענדיג די שטאט-צענטער ביזנעס דיסטריקטס, ארטיגע שפיטעלער און העכערע בילדונג מוסדות.

"איך בין פולשטענדיג אויפמערקזאם אז די קומענדיגע פונקט וואו די קאנסטרוקציע פון די קאמיוניטי גריד וועט זיך קאנצענטרירן איז אמאל געווען א בליהענדע קאמיוניטי פון טונקל-הויטיגע און אידישע פאמיליעס, צוריסן ווען די I-81 איז געבויט געווארן אריבערשניידנדיג אין די הארץ פון זייער געגנט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כאטש עס האט גענומען איבער 60 יאר צו אנקומען צו די נקודה, טוהען מיר פארררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, צוריק פארבינדנדיג געגנטער און צושטעלנדיג נייע געלעגנהייטן פאר אריינעמונג און גערעכטיגקייט אין צענטראל ניו יארק."

באשטייענדיג פון אכט באזונדערע קאנטראקטן, קאנצענטרירט זיך די פערטע קאנטראקט פון דעם I-81 ווייעדאָקט בריק פראיעקט צו צושטעלן א דירעקטע פארבינדונג צו University Hill, די פארנומענסטע באשעפטיגונג, מעדיצינישע און העכערע בילדונג וועג אין סירעקיוּס. מער פון 20,000 ארבייטער, פאציענטן און סטודענטן ווענדן זיך צו די פלאץ פאר ארבעט, אפּוינטמענטס אדער קלאסן ביי איינס פון די שטאט'ס שפיטעלער, קאלעדזשעס אדער אוניווערסיטעטן.

אלס טייל פון די פערטע קאנטראקט, וועט א נייע אינטערטשעינדזש אויפגעבויט ווערן לענגאויס די I-690 אין מערב-ריכטונג ביי Crouse Avenue, ערמעגליכנדיג נאך א צוטריט פונקט פאר טעגליכע צענטראל ניו יארק רייזער וואס פארן צו די Upstate University שפיטאל, Crouse שפיטאל, VA סירעקיוּס העלטקעיר סיסטעם, SUNY אפּסטעיט מעדיצינישע אוניווערסיטעט, SUNY קאלעדזש פון

ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וועלדעריי, סירעקיוּס אוניווערסיטעט אדער צו די JMA Wireless Dome. צו אקאמאדירן די פארמערטע טראפיק, וועט Crouse Avenue אויסגעברייטערט ווערן פון צוויי צו דריי לעינס, מיט צוויי לעינס אין די צפון-ריכטונג און איין לעין אין די דרום-ריכטונג.

אין צוגאב וועט Irving Avenue איבערגעבויט ווערן צו אקאמאדירן טראפיק וואס פארט צו University Hill. דערווייל ענדיגט זיך Irving Avenue ביי East Fayette Street, אבער אלס טייל פון די פערטע קאנטראקט, וועט די גאס פארלענגערט ווערן ביז Erie Boulevard East. די גאס וועט אויך אויסגעברייטערט ווערן פון צוויי צו דריי לעינס — צוויי לעינס אין די דרום-ריכטונג און איין לעין אין די צפון-ריכטונג. א נייע אינטערטשעינדזש לענגאויס I-690 אין די מזרח-ריכטונג זיך פארבינדנדיג מיט די פארלענגערטע Irving Avenue ביי Erie Boulevard East וועט אויפגעבויט ווערן אונטער די צוקונפטיגע זעקסטע קאנטראקט, צושטעלנדיג א צווייטע צוטריט פונקט פאר סאָבורבען דרייווערס וואס פארן ארויף די בארג.

די נייע אינטערטשעינדזשעס ביי Crouse Avenue און Irving Avenue וועלן פארלייכטערן אנגעלייגטע טראפיק וואס פאראורזאכט יעצט פארשפעטיגונגען לענגאויס די I-81 אין צפון-ריכטונג און דרום-ריכטונג ביי די Harrison/Adams אינטערטשעינדזשעס. אין צוגאב וועלן די נייע צוטריט פונקטן עלימינירן די אנגעלייגקייט פון אן אריינקומענדע פלוס פון טראפיק לענגאויס Almond Street (די צוקונפטיגע Business Loop 81) פאראורזאכט דורך א פלוס פון רייזנדע וואס פארן צו University Hill.

ארבעט אונטער די פערטע קאנטראקט רעכנט אויך אריין די אנהויב פון גרויסארטיגע מאדערניזירונגען צו סירעקיוּס'ס און אָנאָנדאַגאַ קאונטי'ס וואסער אפלויף סיסטעם, אפזונדערנדיג שטורעם וואסער און שמוציגע סוּער פלוסן. אומגעפער 2,200 פיס אין די לענג – כמעט א האלבע מייל – פון א הויפט וואסער אפלויף רער וועט אינסטאלירט ווערן אויף Erie Boulevard East, צווישן Almond Street און University Avenue, אפזונדערנדיג די שטאט'ס רעגנוואסער אפלויף און סוּער וואסער פלוס. די שטורעם וואסער וועט פליסן צו די אָנאָנדאַגא קריק, און די סוּער וואסער וועט געשיקט ווערן צו אָנאָנדאַגאַ קאונטי'ס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג פאר כעמישע רייניגונג.

דערווייל ווערן די שטאט און קאונטי שטורעם וואסער אפלויף און סוּער וואסער סיסטעמען אויסגעמישט, פליסנדיג צו אָנאָנדאַגאַ קאונטי'ס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג וואו עס ווערט כעמיש גערייניגט און איבערגעדרייט צו ריינע וואסער. דורכן אפזונדערן די רעגן וואסער פון די שמוציגע סוּער וואסער, ווערט די מאס פון סוּער וואסער וואס פלוסט אריין אין די סיסטעם רעדוצירט, פארמיידנדיג איבערפלוס און פארמינערנדיג די מאס פון כעמיקאלן וואס פעהלן אויס פאר רייניגונג.

א סך הכל פון 20 צו 30 מיליאן גאלאנען פון אויסגעמישטע סוּער וואסער איבערפלוס וועט אוועקגענומען ווערן פון די שטאט'ס וואסער אפלויף סיסטעם אלס רעזולטאט פון דעם פראיעקט, שטיצנדיג אָנאָנדאַגאַ קאונטי דעפּארטמענט פון וואסער ענווייראמענטאלע באשיצונג'ס ( Onondaga County Department of Water Environmental Protection) אנגייענדע אונטערנעמונג צו אפזונדערן די סוּער סיסטעם, און למעשה וועט דאס העלפן מיט די איינריכטונג'ס באפעל פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) צו אויפרייניגן די אָנאָנדאַגא לעיק און אָנאָנדאַגא קריק.

נאך עלעמענטן פון די פערטע קאנטראקט רעכענען אריין:

- טוישן די וועג פון די I-690 אלס רעזולטאט פון די נייע אינטערטשעינדזש ביי Crouse Avenue און די צוקונפטיגע אינטערטשעינדזש ביי Irving Avenue.

- ערזעצונג פון צוויי בריקן לענגאויס די I-690 העכער Lodi Street און Crouse Avenue צו זיין אין ליניע מיט די אינטערסטעיט.
- איבערבויאונג און איבערגעמאכטע אויספלאסטערונג אויף נאך זיבן שטאטישע געסער צו אקאמאדירן ענדערונגען אונטער די 4'טע קאנטראקט, אריינרעכענענדיג חלקים פון Erie Boulevard; Burnet Avenue און Walnut Avenue; East Fayette Street, Canal Street, Lodi Street און East Water Street.
- פארשטערקערטע זיכערהייט, גרינגערע באוועגונג און צוטריט צו די וועגן פאר מענטשן פון יעדע עלטער, מיט אדער אן דיסאביליטיס, דורכן אויפבויען אן ADA-צוגענגליכע פיסגייער און איינריכטונגען פאר ביציקליסטן, אריינרעכענענדיג דעזיגנירטע ביציקל לעינס, מיטגעטיילטע וועגן פאר פיסגייער און ביציקליסטן, נייע טראטוארן און קראסוואלקס מיט זיילן פאר שילדן/סיגנאלן.
- פארשטערקערטע זיכערהייט און פלוס פון טראפיק ביי אינטערסעקשענס, מיט נייע טראפיק ווידעאו אויפכאפונג סיגנאלן אויף די זיילן צו צוריקהאלטן קארן פון אריבערפארן א רויטע ליכט.
- צוטריט צו פארקינג אויפן גאס לענגאויס די ניי-פארלענגערטע Irving Avenue.
- די אינסטאלאציע פון ווענט וואס שטעלן אפ גערויש לענגאויס די I-690 אין אכט לאקאציעס נעבן די Crouse Avenue, Teall Avenue און Midler Avenue אינטערסעקשענס.

איין יאר צוריק דעם חודש, האט גאווערנער האקול, צוזאמען מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע פירער אנגעהויבן די ארבעט אויף דעם I-81 ווייעדאַקט בריק פראיעקט. די עיקר קאנסטרוקציע ארבעט אונטער די ערשטע און צווייטע קאנטראקטן איז אונטערוועגנס און איז וועזנטליך צו אויפהאלטן א שנעלע אינטערסטעיט פארבינדונג מיט נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע צפון-צו-דרום האנדל רוטס פון טענעסי ביז די קאנאדישע גרעניץ. צוזאמען קאנצענטרירן זיך די ערשטע צוויי קאנטראקטן אויף די איבערבויאונג פון די יעצטיגע I-81/I-481 צפון און דרום אינטערטשעינדזשעס אריין צו BL 81 און I-81.

אין מאי פון דאס יאר, איז די דריטע קאנטראקט געשלאסן געווארן, מיט קאנסטרוקציע ווערנדיג אונטערגעיאגט אויף שטאטישע געסער אין די נאָרטסייד און אינער הארבאר געגנטער. ארבעט רעכנט אריין דריי ערזעצונג בריקן פארבינדנדיג די נאָרטסייד און אינער הארבאר געגנטער, א נייע און פארבעסערטע דרום-ריכטונג אינטערטשעינדזש אויף North Clinton Street לענגאויס די צוקונפטיגע Business Loop 81 און אן איבערגעבויטע North Clinton Street וואס וועט אריינרעכענען איינריכטונגען פאר פיסגייער און ביציקליסטן.

די I-81 ווייעדעקט פריעקט איז טייל פון גאווערנער האקול'ס אומפרעצעדענטע איבערגעבנקייט צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע ברענגען יושר, פארבינדונג, און מערערע-מאדעלן טראנספארטאציע געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. די $33 ביליאן סטעיט קאפיטאל פלאן אדאפטירט אין 2022 העלפט נאכקומען דעם גאווערנער'ס וויזיע פאר א מאדערנע טראנספארטאציע סיסטעם וועלכע באדינט ניו יארקערס איבער'ן סטעיט. דער פראיעקט וועט פינאנצירט ווערן מיט א געמיש פון פעדעראלע און סטעיט הילפס-מיטלען.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT) קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "מיט קאנסטרוקציע פלאנירט צו אנגעהויבן ווערן אין די היסטארישע 15'טע וואָרד וואס איז אפגעהאקט געווארן דורך די קאנסטרוקציע פון די I-81 ווייעדאַקט בריק — רוקן מיר זיך איין טריט נאענטער צו אראפרייסן די סטרוקטור וואס האט פאראורזאכט פיין און ווייטאג פאר דורות, און מיר הויבן אן צו צוריקגעבן האפענונג פאר איינוואוינער פון צענטראל ניו יארק. דער פראיעקט, וואס איז געטריבן געווארן דורך די קאמיוניטי, איז א דערמאנונג פון די גוואלדיגע זאכן וואס פונדאסניי אויסגעארבעטע

טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור קענען טוהן — פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן, פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און ערמעגליכן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "א דאנק דעם צוויי-פארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ (Infrastructure & Jobs Law), טוהען מיר אונטעריאגן די סירעקיוס'ס I-81 טראנספארמאציע מיט די 4'טע קאנטראקט יעצט געשלאסן, ברענגענדיג אונז איין טריט נאענטער צו פארווירקליכן די שטאט'ס חזון פאר א קאמיוניטי אויסשטעל צו בעסער פארבינדן סירעקיוס מיט א לעכטיגערע צוקונפט. די קאנטראקט וועט העלפן פארבעסערן די שטאט'ס וואסער אינפראסטרוקטור, פארגרינגערן אנגעלייגטע טראפיק אין די שטאט-צענטער פון סירעקיוס און פארבינדן סירעקיוס'ס היסטארישע 15'טע וואַרד צו University Hill, מאכנדיג דאס גרינגער פאר צענדליגע טויזנטע מענטשן צו פארן צו די ארבעט, סקול, דאקטאר אפוינטמענטס און פיל מער. דער פראיעקט איז גענוי וואס איך האב אינזין געהאט ווען איך האב געפירט דעם צוויי-פארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ צו אריבערגעפירט ווערן, און איך בין שטאלץ אז די באדייטנדע 313 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט וועט אינוועסטירט ווערן אין סירעקיוס צו צוריק פארבינדן די קאמיוניטי און שאפן שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע דזשאבס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שותפות ביים לייגן די פעדעראלע פינאנצירונג צו א גוטע באנוץ, בויענדיג די בעסערע, לעכטיגערע צוקונפט וואס קומט זיך פאר סירעקיוס."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "דאס איז נאך א קריטישע טריט פאר דעם טראנספארמאטיוון I-81 ווייעדאַקט בריק פראיעקט, וואס איז דער גרעסטער אין די NYSDOT'ס היסטאריע. איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די קאנסטרוקציע זיך אנהויבנדיג אויף די קאמיוניטי גריד מיט די געשלאסענע קאנטראקט וואס וועט פארגרינגערן אנגעלייגטע טראפיק אין סירעקיוס'ס איסטסייד געגנט. דער I-81 ווייעדאַקט בריק פראיעקט וועט ברענגען לאנג-באגערטע פארבעסערונגען צו אינפראסטרוקטור און שאסיי זיכערהייט אין די נאָרטסייד און אינער הארבאר געגנטער פון סירעקיוס, און איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו פארזיכערן די מיטלען וואס האבן זיך אויסגעפעהלט צו העלפן אויפלעבן און פונדאסניי פארבינדן סירעקיוס."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די באנייטע אויסשטעל פון די I-81 וועט פארמערן די צוגענגליכקייט, פארלייכטערן אנגעלייגטקייט און לופט פארפעסטיגונג אין די 15'טע וואַרד בשעת'ן ערמעגליכן קלוגע וואוקס אין און ארום סירעקיוס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און איר מאנשאפט פארן עררייכן נאך א דערגרייכונג מיט די I-81 מיטן שליסן די פערטע קאנסטרוקציע קאנטראקט — נאך א גרויסע טריט אויף פאראויס אין ריכטונג פון א בעסער-פארבינדענע און געזונטערע צוקונפט פאר צענטראל ניו יארק."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "עס איז געוואלדיג צו זעהן די שאוולען ווערנדיג אריינגעגראבן אין די ערד און דעם I-81 פראיעקט אונטערוועגס. אזוי ווי די נייעסטע קאנטראקט איז געשלאסן געווארן, דארפן מיר פארזעצן צו צוריק אינוועסטירן אין די קאמיוניטי און זיכער מאכן אז די וואס זענען נעגאטיוו באטראפן געווארן פון די ווייעדאַקט בריק זאלן בענעפיטירן פון דעם פראיעקט'ס דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט און דעזיין פארבעסערונגען. עס איז קריטיש אז מיר זאלן שפילן אן אקטיווע ראלע אין די טראנספארמאציע צו רוקן סירעקיוס אין ריכטונג פון א לעכטיגערע צוקונפט. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט האט געשפילט א צענטראלע ראלע, און א דאנק פאר מיינע קאלעגן פאר זייער אומשאצבארע שטיצע."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמעלא האַנטער האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנאנס איבער די פערטע קאנסטרוקציע קאנטראקט פאר דעם טראנספארמאטיוון I-81 ווייעדאַקט בריק פראיעקט צייכנט אפ א באדייטנדע דערגרייכונג פאר די סיטי אָוו סירעקיוס. די 313.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג

וועט נישט נאר פארגרינגערן טראפיק אנגעלייגטקייט נאר אויך צוריק פארבינדן אונזערע קאמיוניטיס דורכן ערזעצן די הויכע הייוועי מיט די קאמיוניטי גריד. דורכן פארגרינגערן צוטריט צו וויכטיגע דעסטינאציעס ווי די שטאט-צענטער ביזנעס דיסטריקטס, ארטיגע שפיטעלער און העכערע בילדונג מוסדות, וועט דער פראיעקט פיל בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און שטיצן די עקאנאמישע לעבהאפט פון אונזער שטאט. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו אויפלעבן סירעקיוּז און אדרעסירן די אינפראסטרוקטורישע באדערפענישן פון אונזער קאמיוניטי."

**סירעקיוּז מעיאר בענדזשאמין וואלש האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז דער I-81 ווייעדאָקט בריק פראיעקט איז אונטערוועגנס און אז ארבעט הויבט זיך אן אויף די קאמיוניטי גריד. די גריד וועט פארגרינגערן באוועגונג און צוטריט פאר פיסגייער, ביציקליסטן און דרייווערס, און מער פון אלעם וועט עס צוריק פארבינדן אונזערע געגנטער און איינוואוינער. דער פראיעקט וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און פארמערן עקאנאמישע געלעגנהייט אין אלע סירעקיוּס געגנטער, באזונדערס פאר מענטשן וואס וואוינען אין די שאטן פון די ווייעדאָקט בריק וועלכע זענען געשעדיגט געווארן דורך די I-81 פאר מער פון א האלבע יאר הונדערט. איך באדאנק גאווערנער האקול, קאמישאנער דאמינגעז און די NYSDOT מאנשאפט פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט."

פאלגט נאך די I-81 פראיעקט אויף X פארדעם באקאנט אלס טוויטער: NYSDOTI81@.טרעפט אונז אויף Facebook ביי [facebook.com/NYSDOTI81](facebook.com/NYSDOTI81).

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, בארייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן